ישראל שטערן.

# קומט אריין אמאל א טאג מיט בלויע אויגען ווי א נאכט

קומט אריין אמאל א טאג מיט בלאהע אויגען ווי א נאכט.
און ווייל די פוירהאנגען זענען ווייסער פון איהם, שעמט ער זיך צו וואגען,
נאר פאוואלי, שוואך און טונקעל קומט ער נאהנט צו ליידענדיגע
ווי א שוואכער שטילער ענטפער קומט צו שטיל־אומקלארע פראגען.

דער טאג, דער טאג וויל טרייסטער זיין, ווייל ער איז אליין אויך קראנק.
קלערען קראנקע, וואס־זשע ליידט ער? מאגען? הארץ? נירען? לעבער?...
און דערטאהנען זיך וואס פינסטערס— —און דרימלען ווי שאטענס, דרימלען לאנג.
און דרימלען ווי שאטענס און דרימלען לאנג — — —

פלוצלינג איז פארכטינער גאנג פון גרויזאמען קלאנג.
ווי קופערנער גלאק נים האסטיג א קלאנג און ווארפט גרויל אויף דער וואנג

פון דער רוח: — :
שלאף פאלט־אראב און ברעם הויבט זיך אויף:
וואו זענען מיר, וואו?
ווי קופערנער גלאק אזוי האסטינט א קלאנג.
און הערצער א צעהנדליג לאזט זיך גאליאפ
צום חולה וואס זאגט: כ'האב איבער מיין קאפ
אין חלום געזעהן, יא אידען, געזעהן
א רענענבויגען.

אלע ווארטען.
אויגען אויפגעבראכען, הוועטלעניש צעשניטען, ווי מיט שטערן
פינסטערניש. — אלע וואכען, שווייגען, הערען.
פינסטערניש. — אלע וואכען, שווייגען, הערען.
און שרעקען זיך א ריהר צו טהון, טאמער גיט זיך וואס א טראכט. — —
נאר איינער א געלער מיט א לעבער ווערט געלער נאך און לאכט:
רבותי, עס נעהמט אויף אונז א בייטש,
אזא מין חלום איז דער טייטש:
ג וו א ל ט א ו נ ע ר ט ו י ט.

— אך — אזוי? — יא — אוי — דאס איז עס, דאס! —
מען זעהט איהם שוין, ער זיצט זיי אויף דער נאז
און אויף די אויגען די צעפלאצטע, ווי א גלאנץ
זעצט זיך אויף צעהאקטען גלאז —
דער טויט.

רוקט דער טאג זיך אב דערשראקען אין אלע פיער עקען.
עס טראגען די וואלקען געשטארבענע קינדער אין בלעכענע בעקען.
אימיצענס פויסט האט די זון איינגעקוועטשט און צעריבען אויף מעהל,
וואס איז איצט: בעגינען? האלבטאג? פארנאכט? געשפענסטיש און העל, —

אז מען קאן פארטישט זעהן: עס נעהען די ווייהען און קיינער קאן זאגען
און עס הענגען די שעה'ען בלאהע ווי מילך, ווייסע ווי מארך און גרינע ווי גאל...

אז מען קאן נארטישט זעהן, דער טאג איז אנטלאפען אין אלע פיער עקען.
און עס הענגען די שעה'ען בלאהע ווי מילך, ווייסע ווי מארך און גרינע ווי גאל...
עס שטעהען ווי בלינדע די ווענט אין דעם זאל.
ווער קאן זעהן, וואס וועט געשעהן; איז טאג אצינד? איז נאכט?
און איינער א געלער מים א לעבער ווערט געלער נאך און לאכט: — :
זעהען אין שלאף א רעגענבויגען איז: גוואלטאונער טויט.

קומט אַרײַן אַ מאָל אַ טאָג מיט בלויע אויגן פֿון אַ נאַכט

הײַנט (װאַרשע, 1908–1939)

27, נומ' 90, אַפּריל 20, 1934, ז' 6